דעם 11טן דעצעמבער 1967

ליבער אברהם-כאטקל,

אט דאס געפעלט מיר. דאס הייסט אן אמתע שפרודלדיקע קארעס-פאנדענץ. איך האב זיך פארטראכט אין דיינע באמערקונגען. דאכט זיך אז איך זע דא א קלארן פארגלייך מיט דער לאגע פון העברעיִשער דיכטונג אין מוסלמענישן שפאניע אינעם 11טן י"ה. דאס קען דיר קלינגען היפשלעך פעדאַנטיש, אבער איך לערן גראד א קורס וועגן אט דער תקופה און איך זע אין איר א סך פאַראַלעלן מיט דער הײַנטיקער צייט. די ייִדן אין שפאניע אײדער זי איז אײַנגענומען געווארן פון די קא-טאליקן, האבן געלעבט ווי ערשט-ראנגיקע בירגער. זייער ערשטע קולטור איז געווען די אראבישע. די העברעיִשע דיכטערס פון יענער צייט ווי למשל שמואל הנגיד און משה אבן עזרא האבן געהערט צום הויף פון א רייכן מיניסטער. כמעט אלע פאעטן זיינען אזוי ארום געווען "הויף-דיכטערס", דאס מיינט צו זאגן אז זיי פלעגן ציִען יניקה פון א רייכן מעצענאט (אזוי ווי קיין דרוק האט נאך אין יענער צייט ניט עקזיסטירט, האבן זיי באקומען ~~באצאלט~~ א באלוינונג פארן ליד נאר דאס ערשטע מאל). דאס איז געווען א ליטעראטור פאר דער עליטע. א ליד פלעגט מען פארעפנטלעכן צום ערשטן מאל בײַ א גרויסער סעודה וואס דער מיניסטער פלעגט אײַנארדענען. דארטן פלעגן זיך פארזאמלען געלערנטע און פּאָליטיקער און די קריטיק פונעם ליד האט מען געמאכט גלייך אויפן ארט. פונדעסטוועגן האבן זייערע לידער זיך פארשפרייט (אין כתב-ידן, פארשטייט זיך) איבערן גאנצן מיטעלן-מזרח און אפילו אין אייראפע. יהודה הלוי האט מען אויפגענומען בכבוד גדול ווען ער איז אנגעקומען אין מצרים. די לידער פון יענער שפאנישער תקופה זענען געווען פון צוויי מינים: 1) רעליגיעזע לידער (פאר חתונות און רעליגיעזע צערעמאניעס) און 2) לידער פון דער וואך (וועגן ליבע און אנדערע באנאלע טעמעס). אויף דער צווייטער גרופע האט שטארק משפיע געווען די אראבישע פאעזיע. די פארמען, דעם בוי, די פאעטישע קונצן זענען געקומען פון אראבישע מוסטערן.

מיט אנדערע ווערטער, די העברעיִשע דיכטונג פון מיטל-אלטער, וואס מען פארעכנט זי פאר ניט ווינציקער חשוב ווי דער תנך אליין, איז געשאפן געווארן אין ענלעכע באדינגונגען ווי די ייִדישע דיכטונג בײַ הײַנטיקן טאג. (א) די גערעדטע שפראך איז געווען אראביש און ניט העברעיִש. (ב) דאס איז געווען דיכטונג פאר אן עליטע, טיי אין איר אינהאלט, טיי אין אירע אפנעמערס. (ג) זי האט שטארק געבארגט פון דער ארומיקער קולטור. און אינטערעסאנט איז אויך, וואס דאס איינציקע בוך פון יענער צייט וואס באהאנדלט אט די דיכטונג איז געשריבן געווארן פון משה אבן עזרא - אויף אראביש. אין העברעיִש הייסט דאס בוך שירה בישראל.

וואס וויל איך דערמיט זאגן? אז אפשר איז עס ניט קיין חסרון וואס דו באַרגסט סטיליסטיש פון די ענגלישע דיכטערס. וואס האבן דאך געטאן "די יונגע" און "די כאלאסטריע"? זיי האבן דאך אויך גענומען זייער ~~[illegible]~~ מויסטער פון דער אייראפעיִשער קולטור. פאקטיש זענען "די יונגע" געווען די ערשטע ייִדישע דיכטערס וואס האבן אפגעשפיגלט אין זייער ליד די פאעטישע ריכטונג וואס האט אין יענער צייט געהערשט אין אייראפע. און אויב איצט איז די פאעזיע בכלל שטארק אונטער דער השפעה פון עליאָט און פון פאונד, זע איך ניט פאר וואס אויף ייִדיש זאל מען אויך ניט מאכן דעם פרווו צו ניצן זייער סטיל? דאס איז דאך אונדזער צווייטער קולטור, פונקט ווי די רוסישע קולטור איז געווען די צווייטע קולטור בײַ טאטע-מאמע און פונקט ווי די אראבישע קולטור איז געווען בײַ די שפאנישע ייִדן.

אבער דערמיט וואס דו בארגסט פון זיי איז נאך ניט א סימן אז די לידער טויגן... (אגב, דײַן לעצטע ליד געפעלט מיר יא).

באלד פאר איך קיין תל-אביב צוליב צוויי סיבות. ערשטנס כדי אפצוגעבן דעם דרוקער דעם פלאן פארן זשורנאל און אפנעמען בײַ אים די צווייטע קארעקטור; צווייטנס כדי בײַצוזײַן בײַ דער פײַערונג לכבוד דעם 60סטן נומער די גאלדענע קייט. אגב, איך האלט אז דײַן אײַנפאל צו דרוקן לידער אין די צוקונפט איז טאקע א גוטע. וואס קען עס שאַטן? וועסט ווערן א שם-דבר ווי דײַן באגאבטער חבר דוד-הירש... (דרײַ פינטעלעך, ווי בײַ פרצן...)

דוד-הירש

איגרת אוויר
AEROGRAMME

תל אביב-יפו · TEL AVIV-YAFO 11.12.67




Mr. Abraham Igelfeld
18 Mt. ~~Vernon~~ ~~St~~ Auburn St.
Cambridge, Mass. 02138
U.S.A

דואר אוויר
PAR AVION

קפל שלישי

EXPÉDITEUR — SENDER — השולח

דוד-הירש ראסקעס

שכון סטודנטים 10/204

קרית האוניברסיטה, ירושלים

Israel

קפל שני

קפל ראשון

איגרת שהושם בה דבר תישלח לפי תעריף של מכתב בדואר אוויר.
Un aérogramme contenant un objet quelconque sera envoyé au tarif d'une lettre-avion.
An aerogramme containing any enclosure will be sent at airmail-letter rate.